STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03953

# METALENE KVEYTN

Yehoshua Monik Lederman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהושע מאָניק לעדערמאַן

# מעטאַלענע קווייטן

פאַרלאַג «תחיה»
תל-אביב

Copyright 1935
by Sam Latherman
New York, N. Y.

דפוס »התחיה« ת"א, שינקין 30

3

מיט זילבערנע, מיט טעלעסקאָפּ־טרומייטן
מיין בליק
גערופן האָט אין פינצטערן רוים —
גאָט׳ס לאבאָראטאָריע, —

איך האָב דערזען זיין האנט פורעמדיק
הימלשע קערפּער, —

און עמיץ דאָרט,
אין בלאָען דאכט
מיר כאָלעמט מיינע לידער —
די
מיט ליכט בלוטנדיקע
און זינגנדיקע שטערן־שוואנען.

*

# 4

אָפּגעריסן זיך פון ערד־פּלאַנעט,
איך טראָג זיך ליכט־שנעל איבער הימל,
ענדלאָזע רוימען־שטרעקעס לויפן מיר אקעגן.
ווער איך נאָר אריינגעשליידערט אין א טהום פון כאאָס,
לייכטן מיינע נייגל אויף לעוואָנעדיק אין פינצטער;
מיינע נייגל ווערן פייאיק שטערן־לויף צו מערקן
און פון שטערן־לויף די קלאנגען אויפצונעמען, —
שטרעק איך אויס אין פינצטער מיינע לייכטנדיקע הענט
צו באלייכטן מיר דעם וועג
און יויוולנדיק איך לאָז פון זיי מיך פירן
אין איבערוף־געזאנגען מיט די שטערן.

*

## אין דעם טונקעלן רוים

אין דעם טונקעלן רוים פון מיין וועלטאל
האָב איך בלענדנדיקע שטערן באַשאַפן,
און יעדן שטערן האָב איך אין אַ וואַנדערקרייז געשפּאַנט,
און יעדן קרייצוועג פון די וואַנדערקרייזן
האָב איך אָנגעצייכנט
און די שטערן פון קאָליזיעס באַוואָרנט,
און אַלטע געניטע טורעמוועכטער, —
מיט ליולקעס אַרטיקע,
באַזעצט האָב איך אין גאָלדן־קאַמערן,
געפּורעמטע אין לייכטורעמס פון זונען,
אויף יעדן מיטלפּונקט פון רוימען־אָקעאַן,
וואו די שטערן שווימען אום,
ווי צויבערליכע, זילבערדיקע
און — דעזאָלירטע, טויטע שיפן.

*

## ליכט

פליידערמייז, פארבלענטע פון טאָגליכט,
שלאָפן אין לעכער פארשטעקט,
ווארטנדיק אף נאכט
צו ווערן זעעוודיק.

און מיר בלאָנדזשען אום
אין דער פינצטער פון די זוניקע טעג אף דער ערד
און ווערן פארבלענט
ווען מירווארפן א בליק
אפן דעמערישן פלאמען־קנויל פון זון...

*

## קאַפּעלאַ

דאָס נאַקעטע אויג וואָלט קיינמאָל נישט געצווייפעלט,
אַז קאַפּעלאַ איז בלויז איין שטערן.
נאָר איך — כ׳האָב אים נאָר געטאָן אַ נעם אַריין
אין ספּעקטראָסקאָפּ, —
און פאַר מיין וויזיע האָבן זיך אַנטפּלעקט
צווייַ ריזיקע פלאַמען־קנוילן אין רוים,
זיך דרייענדיק איינער אַרום צווייטן
מיט אַ בליציקער שנעלקייט,
איעדער איינער
קעמאַט הונדערט מאָל גרעסער פון דער זון,
און ביידע צוזאַמען
הונדערטפערציקפאַכיק ליכטיקער פון איר.

*

אַז דאָס בלאָע פייער פון געזאַנג
אַריין איז אין דיין ווינשטאָק,
האָבן די ווינטרויבן אָנגעהויבן זינגען.

רייסטו אָפּ אַ ווינטרויב
און ברענגסט זי צו צו דיין מויל,
הייבן דיינע ציין אָן זינגען.

זיט דעמאָלט גייסטו אום איבער ערד
און יעדער איינער און אַלץ,
צו וואָס דו טיסט נאָר אַ שמייכל,
הייבט אָן זינגען.

*

מיטן בלאָען פייער פון געזאנג
ברענען
די צאנקנדיקע זונען פון מיין כאָלעם.
אף יענע זונען
זענען פייערדיקע שטעט פאראנען,
מיט פייער־טעמפלען,
אף זיילן פון פייער.
און איבער פייערדיקע גאסן,
אין פייער־קליידער אויסגעפוצט,
גייען אום מענטשען פון פייער,
פון דעם בלאָען פייער פון געזאנג.
מיטן בלאָען פייער פון געזאנג
ברענען
די צאנקנדיקע זונען פון מיין כאָלעם.

*

די זון פארגייט אין מארעוו,
און דו פארגייסט צוזאמען מיט דער זון!
מיט יעדער רייגע,
וואָס דערנענטערט די זון צו׳ן איר ציל,
דערנענטערסטו זיך צו דיין סאף.
ווײ׳ז מיר!
צי האָסטו שוין קיין אנדער שאָ זיך ניט געקענט אויסקלייבן
ווי נאָר צו שטארבן מיטן זונפארגאנג?
אפילע אין דער לעצטער רייגע פון דיין אונטערגאנג
קענסטו אויך ניט זיין אזוי שיין
ווי די שטארבנדיקע זון!

*

וואָס מער איך האָב מיט מיין הארצן
דאָס ליכט פון לידער געטרונקען,
אלץ דאָרשטיקער בין איך געוואָרן.
האָב איך נישט אויפגעערט צו טרינקען
ביז דאָס ליכט האָט אין אלע מיינע גלידער
די וויטסטע גאנגליען דערגרייכט
און איך האָב דערפילט אין זיך די שווערקייט פונם ליכט,
און די שווערקייט האָט מיך גרינג געמאכט,
גרינג און ליכטיק,
אזוי אז די וועלט מיט אלץ וואָס אין איר
איז געוואָרן מיר פינצטער.

*

•

אין דער מידבאָר פון וועלט, פון דער היגער,
אין דער וועלטוויסט, דער פּרעכטיק־געמיינער,
דאָ פאַרמאָג איך איינאיינציקן כאַווער
און זיין ליכטיקער נאָמען איז —קיינער.

אין א וויגשטול פון גינגאָלד, באַאוויגנט
מיט רויטפלאַמענדיק־שמייכלנדע שטיינער,
אין א פּאַלאַץ פון שטראַלן־שטאָל בלאָען
זיצט און וויגט זיך פאַרכאָלעמט דאָרט קיינער...

און ווען טאָג צאָלט שוין אָפּ מיט זיין לעבן,
און א עלנט זיך נעסט אין מיין הויז,
אזא עלנט ביז פּיין, און אין מאַרעוו,
דאָרט פאַרבליט שוין מיין גאָלדענע רויז!

וואכן טריט מיין געהער אויף און טייקעף
עפנט קיינער פאַרכאָרעווט מיין טיר,
קומט אריין, טיט א נייג זיך פאַרכאַרעווט,
זעצט זיך כאָרעוו אוועק קעגן מיר.

זאָג איך: "קיינער, מיין ליכטיקער קיינער,
זאָג, איאָ, ביזט א כאַווער מיר היינט?"...
און דער קיינער הייבט אויף זיינע ברעמען
און פאַרטרויעט: "ס'איז קיינער דיין פריינט"...

און — ווי קיינעם פאַרציטערט מיין וויטאָק!
קיינער גלייט מיך ארויס פון מיין הויז,
קיינער טרויערט מיט מיר איבער מאַרעוו,
וואו ס'וויאנעט מיין גאָלדענע רויז.

*

ניין, ס׳איז ניט מיין שולד, וואָס ס׳איזווירקליך דיין אָן,
אז האלב פון מיין גוף איז פארשאָלטן מיט וואן;

יאָ, פריינט, ס׳האָט מיין גוף אזא אומגליק פארציקט —
איין העלפט איז באזינט און איין העלפט איז פאריקט...

אָט האָסטו צום ביישפיל, די פיס מיינע צוויי,
איז ביטער מיט זיי מיר, אָ ביטער און ווי!

גייט איינער אף גאלדענעם וועג אין זיין גאנג,
פארהאקט זיך דער צווייטער אָן שטיין און אָן שטאנג;

און ד׳הענט, מיינע הענט — אויך מיט זיי איז מיר שלעכט, —
וואָס איינע נאָר בויעט — די צווייטע צוברעכט;

די אוירן — ווען איינער הערט בענטשונג און פרייד,
הערט צווייטער בלויז שרעקן, און זיפצן, און לייד;

די אויגן — דערזעט איינס די ליכטיקייט גרויס,
קלאָגט ס׳צווייטע: „וואו ליכט? איך זע פינצטערניש בלויז!"

און ס׳מויל — ווען איין העלפט זינגט אויף לויטער און ריין,
פארקרימט זיך די צווייטע, ברעכט אויס אין געוויין.

*

## מיין ליד

ניט פון קיין בלומען און ניט פון קיין שטערן
ווּעסטו פון מיין האַרפּע־שפּיל טרייסט־לידער הערן׳
איך קען נאָר א ליד פול מיט צער און געוויין,
דאָס ביזט עס, מיין אומגליקליך פאָלק, דו אליין!

פון קינדוויס אָן קלינגט מיר דיין קאָל אף דיין גאַס
פון די נידריקע הייזלעך, וואו נויט גיסט איר קאַס.
ווי שלאַנגען־גיפט טיסטו דאָס האַרץ מיינס באַצווינגען,
און דיך וועל איך קיינמאָל ניט אויפהערן זינגען!

1923 ,11 [illegible]

*

I

עלעקטרישע אויגן פון טורעמס, צעשטעלטע אף וואך,
פירן ארום זיירע שטראלבליקן, שארפע,
ווי ווייזערס אף נאכטיקן שטערן־בלאט,
און פרעגן זיך נאָך בא דער נאכט אף מעטאלענע פייגל,
וואָס אומפלין, פארצערט פון דער פינצטער, און זינגען,
פארצייכנדיק בלויז מעטעאָרן אין אפל בא מיר.

II

ווי פלאמיק דער נעפל איז איבער מאנהעטן, מיין אינזל!
האבן דאָרט אף דער ערד אינדיאנער קאָסטיאָרן צעצינדן
און, נאקעטע, טאנצן ארום זיי?..
ברענען דאָרט וועלדער?..
ווי ס׳שלאָגט אפ דער נעפל צוריק פון זיין אָפליכט אן אָפליכט
און שוימט זיך אריבער דעם ראנד פון דער שטאָט,
ווי ווייז אין א בעכער!

*

## E. S. B.

הונדערטצוואנציק שטאָק א ריז,
שטיי איך אף זיין אקסל ביז

טאָג באגעגנט זיך מיט נאכט
און אין שטוינונג איך באטראכט:

אָ ווי ברייט דער הימלראנד
יאָגט, צעיאָגט זיך גאָלדגעשפּאנט!

זון, אן אָדלער, גאָלדיק־בעסט,
א פארוואונדעטער אין נעסט

פון די בערג, מיט פליגל רויט
צאפּלט זיך אין קלעם פון טויט!

טורעמס שפּרינגען אין א טאנץ,
מיט די קעפּ אין אָונטגלאנץ.

אָונט טאָג פארנארט אין פאנג
פון דער נאכט מיט זיין געזאנג.

נאכט צעפּאטלט זיך די צעפּ
שאָטנס שארן זיך אף טרעפּ,

פלעכטן מיך ארום ווי שליינג,
ווערט די פינצטערניש מיר איינג! —

ליכטיקט אויף א נישטערליכט
אין דער ווייט, און מיין געזיכט,

טריב פון רעגעדיקן פּיין,
לייכט אויף אין זיין ווייטן שיין.

*

## צום ארבעטער

אומעטום, אומעטום,
אף וואָס איך זאָל מיין בליק נישט ווענדן:
צי אף די שטאָלטיטאנען, די הונדערטשטאָקיקע,
צי אף די קונסטגעטאָקטע מויערן, אָנצאָליקע פאבריקן,
צי אף די איבער טייכן אריבערגעשאָסענע, איינגנדיקע בריקן,
צי אף די שווינגעדיק זיך צעלאָפענע שאָסייען, באנען,
טונעלן, אויטאָס, האפנס, שיפן עראָפּלאנען,
צי אף די בלענדפארביקע וויטרינעס,
וואו עס פעלט נישט
פון אן אנצוג ביז א שפּילצייג, —
זינג איך מיין דיפיראמב
דיינע שווארצע, מאזאָליעדיקע, הייליקע הענט!

*

אלע וועגן אויסגעפלאסטערט,
אלע שטעט שוין אויסגעמייסטערט,
אלע לענדער אויסגעפאָרשט,
און געשטילט דעם פאָרשער׳ס דאָרשט.

שוין געעקט דער קלאסן־ראנגל,
מער אין גליק נישטאָ קיין מאנגל —
איין שאָ מי און לוין פאר צען,
וואָס א הארץ נאָר גלוסטן קען.

יעדער היים געערט ביט קיינעם,
אלע היימען — יעדן איינעם,
ווער עס קומט אף וואָסער אָרט,
פילט ער פריי און היימיש דארט...

די פארוויילונג פון דעם לעבן
האָט זיך רייך צעבליט אין שטרעבן
צו דערהויבונג און צו גונסט
פון דעם העלן רייך פון קונסט...

האָפן מיר אף הימל־פריידן ?
ס׳איז די ערד אונז א גאניידן,
א גאניידן ארטיק־שיין
ווי פאר גרויס אזוי פאר קליין.

*

מיט צאנקנדיקער פארבנשפיל
די לעצטע זון אין יאם זיך טרינקט,
די מארבל־שטאָט דאָרט אפן בארג
אין פורפור־שיין איז איינגעטינקט ...

און אלע מענטשן אף דער וועלט,
זיי זענען אָנגעלייגטע געסט,
און זינגנדיק און טאנצנדיק,
זיי גרייטן זיך צום אָוונט־פעסט;

און אלע מענטשן גרויס און קליין
דער גייסט פון ברודערשאפט באזעלט...
און איבער גאסן — גערטענער
איין טיש פון טישן ווערט געשטעלט;

און טישטוכער, ווייס־זיידענע
ווערט אויף דעם גרויסן טיש געשפרייט:
און שפייז געטראנק, פון אל־דאָס־גוטס,
אין גאָלד־געפעס ווערט צוגעגרייט;

און א געשפאנטקייט פייערליך
אין אָוונטיקער לופט זיך פילט,
און אף די דעכער ראדיאָס
און אויך מוזיק האָט אויפגעפשילט.

*

[צום אנדענק פון מיין פאטער שלמה]

I

א וואונדערליך געשטאלט וויקלט זיך פאר מיר ארויס פונם נעפל
און דערנענטערט זיך צו מיר,
און וואקסט מיט יעדן טראַט.
עס גייט דאָס געשטאלט, זיך וויגנדיק אין זיין גאנג,
און האלט אין דער הייך דעם קאָפ פאריסן;
זיין פּאָנים איז מיט גראָער באָרד באוואקסן,
און פון אונטער די שאָטנס פון זיינע געדיכטע ברעמען
קוקן ארויס צוויי שארפע בלאָע אויגן
מיט דער אומשולד פון א אומבאוואוסטזיניקן שטאָלץ,
וואָס, אויסער גאָט, דערקענט קיין גרעסערס פון זיך אויף דער ערד.
איך וויים ניט צי איז עס כוימער, צי גייסט...
נאָר, אז ס׳איז מער גייסט ווי כוימער,
דאס בין איך זיכער!
און ווען עס קומט צו מיר צו,
פאל איך אנידער פאר אים אף די קני,
און קוש דעם שטויב פון זיינע פיס:
— אָ פּאָטער, גרויסער פּאָטער מיין!

II

אָ, פאָטער מיין,
ווען דו ביזט געוועזן מיט אונז,
בין איך נאָך צו איינג געוועזן
צו באנעמען דיין גרויסקייט.
און איצט?
איצט איז שוין צו שפעט...
און דאָך וועל איך זינגען פון דיר,
ניט ווערנדיג מיד;
ווייל איך האָב געיארשנט פון דיר
דעם פארלאנג צו שאפן.
אָ, אָט דער גרויסער פארלאנג אין דיר,
כאָטש די נויט האָט אים פארהינדערט דעם וועג,
אז ער זאָל נישט ווערן מער ווי פארלאנג, —
ביזטו געווען דער גרויסער דיכטער,
וואָס האָט געלעבט פּאָעזיע.

III

באנאכט,
ווען עס נעמט מיך א בייַנקשאַפט נאָך דיר,
פּאַטער מייַן,
לעש איך אויס די פייערדיקע סטרונעס
פון מייַן עלעקטרישן לעמפּל
און צינד אָן א ליכט,
און דעמאָלט היל איך זיך
אין ערינערונגען פון דיר,
ווי דו — אין דיין טאַלעס.

*

## ראַדיאָ

געפּייניקטער דעמער
צאַפּלט אויף נאָכאַנאַנד
אונטער שניידיקע בליצן.

וואונדערליכע משיגאָעם
ווארפן כאָרעווע געלעכטערס.

ביינקט דאָס לידער־געמיט
פון א דיכטער, וואָס עלנדט.

בליען שטערן־בלומען אפן הימל־פעלד?

בלאָנדזשנדיקע שאָטנס,
מיט כאָלעם־פידלען,
וואָיענדיק אין כאָרן
אף טרויער־קארגיוואלן.

*

## אָוונט

דער טאָג שטאַרבט.
ס׳גייט אים אויס די נעשאָמע
(די זון איז די נעשאָמע פון טאָג).

אפן מיזרעכראַנד,
אף א היגל,
שטאַרצט א ריטער אף א פערד.
אַלעמאָל
טיט ער א טרייסל מיטן קאָפּ
און פון זיינע לאָקן
צעיאָגט זיך א פינצטערניש אין ריידער.

שאָטנס
נעמען זיך פאָרן.

די לופט ווערט סטרונעדיק
און סוידעט געזאַנג.

פייערן שפּראָצן ארויס אין דער פינצטער.

לייכטורעמס ווי געשרייען
לעשן זיך אף יאַמען.

*

די זון קניט אין מארעוו
און ווײַנט אזוי גאָלדיק
און ס׳בלוטעט דאָס הארץ פון דער זון!
ליכטיקע קינדער,
האנט בא האנט אנגענומען,
גייען פארביי און זיי פרעגן:
— דיכטער!
פארוואָס ווײַנט די זון אזוי גאָלדיק?
ווי אן עלנטער וואנדלער אין מידבאָר,
קניט און ווײַנט און פארשווינט אינם מארעוו!

*

טאָג און נאכט דערלאנגען זיך די הענט.
ערגעץ־וואו האָט אויפגעשפּילט אן אָוונט־פידל.

גאפּנדיקע ברעמען פארגייען זיך אין ציטער,
גארנדיקע ליפּן טראָגן זיך אקעגן ליפּן, —
טאָג און נאכט דערלאנגען זיך די הענט.

עפּעס האָט א דעמער געטאָן אין לופטן!
עפּעס — ווי געפאנגען אין א שטייג נאָר,
צאפּלט זיך און מינעט!
ערגעץ־וואו האָט אויפגעשפּילט אן אָוונט־פידל.

*

ביזט ווייט פון מיר
און צויבערסט, גאנא.
ווי אוראנוס,
וואָס וויגט זיך,
וויגט זיך און ציטערט,
א זילבערדיק וואונדער
אין טעלעסקאָפּ־רערל בא מיר, —
ביזט ווייט פון מיר
און צויבערסט.

*

מיט די אויגן־בליצן דײַנע,
וואָס צאַנקען
נאָכן אויף־און־אָפּ
פון דײַנע וויעס,
דו רייצסט זיך מיט מיר —
אָט שײַנקסט מיר צוויי דימענטן,
אָט נעמסט זיי אָפּ! —

צינדסט און לעשט,
צינדסט און לעשט,
דעם בלוט־נאַפט אין מײַן האַרץ־לאָמפּ.

*

שוין לאנג, אז דיר האָט זיך פארגלוסט,
שימאמרא,
זיך א שפּיל טאָן מיט מיר.

איצט פלירטסטו מיט אנד'רע אין לוסט,
שימאמרא,
און עס לאכט זיך נאָר דיר.

נאָר איך, אז מיט ציינקריץ און פּיין,
שימאמרא,
כ'האָב פארשליידערט דיין רינג,

דערהערט האָט זיך מיר דיין געוויין,
שימאמרא,
דיין געוויין אין איר קלינג.

*

## אין א נאכט

ב׳יזט אוועק פון מיין הויז
און פארגעסן דיין שאָטן בא מיר אף דער וואנט.
גלייך א שאמעס איבער א טויטן,
האָב איך אין דער נאכט
איבער דיין שאָטן געדוכנט.
און ווען נאכט האָט מיט דרעמל
מיין איף־זיין באשפּראָכן,
דאן האָט מיך דיין שאָטן
געהאלזט און געקושט!
נאָר אז זון האָט צומאָרגנס
מיט שטראלן גענומען
מיין פענצטער אָנגרייפן,
איז אויך, פונקט ווי דו,
דיין שאָטן
צערונען —
אנטרונען.

*

דו וואוינסט אף הויכלאנד,
און איך וואוין אף פלאכלאנד.
ווילסטו א ליבעס־גרוס שיקן,
דיר זענען די שטראָמען צו דינסט.

וואַרפסטו א צייכן אריין אין א שטראָם.
און איך אין מיין היים, אין דעם פלאכלאנד,
פלאטערנדיק איבערן שטראָם טאָג ווי נאכט,
דעם צייכן באקום איך אין צייט...

נאָר איך, אז איך וויל דיר א ליבעס־גרוס שיקן,
אף וואָסער אן אויפן טי איך דאס?
איך טי א שריי אָן אפן שטראָם, אפן ווילדן,
דערשרעקט זיך דאָס וואסער, בלייבט שטיין אף א רייגע,
און הייבט אָן צו לויפן צוריק...

*

דו ביזט אין מיין צימער נישטאָ,
דאָך שטייסטו פאַר מיר אזא,
ווי אין יענער נאַכט,
ווען דו האָסט מיר דיין נאַקעטקייט אַנטפּלעקט.

דיין קערפּער איז געווען ראָזי,
ווי פון מאָרגנשיין געפורעמט,
און ווי אַ מאָרגנשיין האָסטו געלויכטן
אין מיין פינצטערן צימער.
נאָר דו ביזט אַוועק פון מיר באַליידיקט,
ווייל איך האָב דיך נישט געזוכט, —
ווייל איך אליין, אָ איך אליין
בין זיבנפאַכיג שענער פון דיר!..

*

## הארבסט

אָ גוט איז דאָך אומגליקליך זיין פארליבט
אין הארבסטעג, קילבלעך־לויטערע, וואָס צאנקען
מיט אָפּגעשראָקענע, פארזאמטע זונפארגיינג,
ווי פארב אף לאניטן פון א גויסעסדיקן קינד.

ווי ס'שטוינט דער ניטגעוואוינטער בליק אף הויל־אנטבלויזטע ביימער,
מיט הימל זיך אנטפלעקן צווישן זייער געצווייג,
אין זיירע ליידן, שווער־געטראָפענע פון גורל, —
ווי שטיל זיי זענען! ווי שטיל די דערפער זענען און די פעלדער!
און איבער אלעס אזא שטראלנדיקע לויטער
פון אויסגעגיכטערטקייט, און טרויער, און געזעגענונג!

נאָר בעסער איז אומגליקליך זיין פארליבט
אין רייגנטעג פון הארבסט, אין סמוטנע־לערע...
ס'איז פאסיקער!... דיין טרויער איז א צווילינג
דעם טרויער פון דער פרייד־פארשטערטער ערד!
מיט יעדער רייגנבייטש פון ווינט אָן דיינע שויבן,
דערשלאָגן בלייבט דיין זעל און שטימער...
דו שפרייזט ארום, קוקסט צו ווי דיינע טעג,
זיי וויאנען דיר צוזאמען מיט די בלעטער...

*

מיטנאַכט אין שפּעטן האַרבסט.
די לופט איז וואַרעם;
די אָפּגעצערטעביימער שטייען שמנעסרע,
טיענדיק טפילע אין עקסטאַז צו דער פּולער לעוואָנע.
די לעוואָנע הייגנט אינמיטן הימל,
איבער מיין קאָפּ.
(עמיצער דאָרט
אין אַ ווייסן כאַלאַט
קניט אױף די פעלדער פון ליכט!)
דער הימל איז דורכזיכטיק־בלאָ,
און די קרופּנע שטערן
בלישטשען ווי דריוונע זונען.

באַם יאַמבערג — ס׳איז קיינער נישטאָ.
דער יאַם איז רויטליך־פּינצטער
און מיד.
די כוואַליעס, דאַכט זיך,
דערשפּילן שוין מיטן ברעג זייער לעצטע שפּיל
און וועלן באַלד ווערן אַנטשוויגן.
שנירן פּייערלעך מינען זיך אינדערוויט;
לייכטורעמס, ווי געשפּענסטער פאַרבאָרגענע,
ווינקען זיך איבער;
און אינמיטן יאַם
וויגט זיך אָן אויפּער אַ גלאָק אױף די כוואַליעס,
וויגט זיך און וויינט אין דער נאַכט.

*

## עס קען

עס קען קיין באליידיקונג ניט פון קיין מענטש
צו אָנמוט מיך בייגן;
און מעגן די אומריינע שטרויכלער ווי קעץ
פארלויפן די וועגן.

ניט אימער וועט זיי דאָך געלינגען מיין וואָרט
אייך צו פארווערן;
פריער צי שפעטער וועט קומען א טאָג —
איר וועט מיך דערהערן...

און ליכטיק דאָס ליכט אפן וועג צו מיין ציל
אין ווייט וועט זיך צינדן: —
א לייכט טאָן דורך וועלט ווי א העלער קאָמעט
און — פארשווינדן.

*